פרשת
יתרו
תש"פ

גליון
# עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און דערציילונגען פון צדיקים

שנה ה' - גליון רכ"ג

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


## מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער וויינגאָרטען

### וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה

### שפלות און התנשאות לויט דער מצב

**הרה"ק דער רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע** האט געזאגט אז איד דארף שטענדיג האבן ביי זיך צוויי 'בחינות' מיט וועלכע ער דארף זיך קענען פירן. צומאָל דארף ער קענען זאגן מיט ענוה און שפלות "ואנכי עפר ואפר" און זיך האלטן קליין און געפאלן ביי זיך אז ער איז גארנישט ווערד. און טיילמאָל דארף ער קענען זאגן מיט א שטארקייט "בשבילי נברא העולם" אז ער איז יא ווערד און חשוב, און דער אייבישטער האט באשאפן די גאנצע וועלט בלויז פאר איהם אליין. און די סיבה פאר די צוויי וועגן איז פשוט, ווען דער יצה"ר קומט איהם צוקלאפן און ער וויל איהם איינרעדן אז ער זאל זיך אינגאנצן מייאש זיין ח"ו, און אויפגעבן זיין עבודת השי"ת ווייל ער איז שוין סייווי פארפאלן רח"ל, דעמאלטס דארף מען זיך קענען באנוצן מיט די עצה פון טראכטן ביי זיך "בשבילי נברא העולם". מה שאין כן ווען דער יצר הרע וויל איהם טאקע צוברענגן צו גיאות און איינרעדן אז ער איז שוין אנגעקומען צום תכלית, דעמאלטס דארף מען זיך אראפקלאפן און וויסן אז מ'איז באמת גארנישט ווערד.

**דער רבי זכרונו לברכה - מרן רבינו יחיאל מנחם זי"ע** האט נאכגעזאגט בשם זיין זיידע **כ"ק מרן אדמו"ר רבי מנחם פון אמשינאוו זי"ע** וואס האט געזאגט פשט אינעם פסוק "וישמע יתרו כהן מדין חותן משה" פארוואס עפעס דערמאנט די תורה הק' די צוויי טיטלען אויף משה רבינו, אז ער איז געוועז דער 'כהן מדין' און אויך דער 'חותן משה'. נאר די תורה דערציילט אונז דערמיט די מעלה פון יתרו "וישמע יתרו" יתרו האט שטענדיג געהערט און געלערנט און מקבל געווען תורה און עבודת השי"ת, און ער איז קיינמאל נישט געפאלן און אפגעשוואכט געווארן פון זיינע מדריגות אין עבודת השי"ת, ווייל שטענדיג ווען דער יצה"ר האט איהם געוואלט צוברענגן צו גאוה, האט ער זיך תיכף געגעבן א דערמאן צו זיך אליין "איך בין דאָך געוועזן דער כהן מדין" וואס האט געדינט עבודה זרה, און דאס האט איהם צוריקגעהאלטן פון גאוה. און ווייטער אויב איז ער אמאל צוגעקומען צו עצבות און צובראכנקייט אז ער איז גארנישט ווערד, האט ער זיך תיכף מחזק געווען און געזאגט "איך בין דאָך דער שווער פון משה רבינו" דער רבי פון כלל ישראל, און דאס האט איהם מחזק געווען אז ער זאל נישט ווערן צו שטארק געפאלן ביי זיך.

(כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה)

### וַיַּעֲנוּ כָל הָעָם... כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה

### די הכנעה און תשובה פון כלל ישראל

לכאורה דארף מען פארשטיין אין די פסוקים, עס שטייט וַיָּבֹא מֹשֶׁה וַיִּקְרָא לְזִקְנֵי הָעָם וַיָּשֶׂם לִפְנֵיהֶם אֵת כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר צִוָּהוּ ה', אז משה רבינו האט גערעדט בלויז צו די זקנים, און ער האט זיי איבערגעזאגט די רייד פון השי"ת, אויב אזוי פארוואס שטייט ווייטער "וַיַּעֲנוּ כָל הָעָם יַחְדָּו וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה" אז דער פאלק האט געענטפערט, משה רבינו האט דאָך דערווייל נישט גערעדט צו זיי, און פארוואס האבן זיי זיך שוין אנגערופן אז זיי זענען גרייט צו טוהן דעם רצון השם.

מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** ערקלערט, אז ווען די אידן האבון געזען אז משה רבינו גייט טאקע נאר צו די זקנים און ער רעדט צו זיי, זענען זיי תיכף ומיד געווארן צובראכן ביי זיך, וויבאלד זיי האבן געהאלטן אז צוליב זייערע עבירות וויל דער אייבישטער נישט רעדן צו זיי און זיי זענען נישט ראוי צו הערן דעם דבר השם. און זיי האבן תיכף ומיד אנגעהויבן תשובה צו טוהן און זיך מקבל זיין אז פון היינט און ווייטער וועלן זיי שטענדיג זיין ערליך און וואויל און פאָלגן וואס דער אייבישטער וועט נאר הייסן, דער עיקר זיי זאלן חלילה נישט דערווייטערט ווערן פון השי"ת.

און דאס איז פשט דא אין די פסוקים, וַיָּבֹא מֹשֶׁה וַיִּקְרָא לְזִקְנֵי הָעָם וגו', ווייל משה רבינו האט טאקע נאר גערעדט צו די זקנים. "וַיַּעֲנוּ כָל הָעָם יַחְדָּו" פון דעם איז דער גאנצער פאלק צוגעקומען צו הכנעה און צו תשובה, 'ויענו' איז א לשון פון "עד מתי מאנת לענות מפני" און ווי ס'שטייט דארט אין **תרגום** "לאתכנעה - זיך מַכניע צו זיין", וויבאלד זיי האבן געמיינט אז דער אייבישטער וויל נישט רעדן צו זיי. "וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה" זיי האבן געזאגט צו משה רבינו אז פון היינט און ווייטער וועלן מיר אלעמאל פאלגן דעם אייבישטער און זיך פירן ערליך.

(עשר זכיות)

## ענבי הכרם



### מעלת חברנו ולא חסרונם

עס זענען באקאנט די ווערטער וואס עס שרייבט **הרה"ק דער רבי רבי אלימלך פון ליזענסק זי"ע** אין זיין תפלה "ותצלינו מקנאת איש מרעהו שלא יעלה קנאת אדם עלינו ולא קנאתנו על אחרים, **אדרבה תן בלבנו שנראה כל אחד את מעלת חברנו ולא חסרונם**", ווי מיר בעטן השי"ת אז מיר זאלן שטענדיג זוכה זיין צו זעהן די מעלות פון א צווייטער איד.

אין **ספרים הקדושים** ווערט געברענגט די ווערטער וואס **דער אלטער רבי פון ווארקא הרה"ק רבי יצחק זי"ע** האט געטייטשט אויפן פסוק אין אונזער פרשה "וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר" וואס איז מרמז אויף אחדות ווי חז"ל זאגן אז די אידן זענען דעמאלטס געווען "כאיש אחד בלב אחד" ווי איין מענטש פיל מיט אחדות און ליבשאפט. האט דער ווארקער רבי צוגעלייגט "ויחן" איז א לשון פון חֵן, די מעשים פון יעדער איד האבן געהאט חן אין די אויגן פון זיין חבר, מ'האט געזעהן יענעמ'ס מעלות, און די גוטסקייט פון זיינע הנהגות. [און נישט פארקערט, ווי די סדר פון מענטשן איז ליידער אוועקצומאכן אנדערע מענטשן, און זעהן ביי יענעם נאר די חסרונות, און ווס ס'איז נישט גוט ביי איהם].

זיין תלמיד **הרה"ק רבי דוב בעריש פון ביאלא זי"ע** האט געזאגט, אז דאס איז דער באדייט אינעם פסוק "וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל" אויב איין איד געפונט חֵן ביים אנדערן און מ'האט זיך ליב, דאס איז "נֶגֶד הָהָר" די גרעסטע כוח קעגן דעם יצר הרע וואס ווערט אנגערופן מיט'ן נאמען 'הַר' ווי א גרויסע בארג (זעה סוכה נ"ב. צדיקים נדמה להם כהר).

ווי פאַסיג זענען די ווערטער וואס מיר געפונען ביים סוף פון די עשרת הדברות (ביי די איסור פון לא תחמוד שטייט "וְכֹל אֲשֶׁר לְרֵעֶךָ", און ווי **דער אלטער רבי - מרן רבינו יחיאל זי"ע** ערקלערט, אז די יסוד און די עיקר פון די גאנצע תורה איז נאר אחדות און אהבת ישראל אז מ'האט ליב א צווייטע איד, און אזויווי חז"ל דערציילן אונז די מעשה (שבת דף ל"א.) אז דער גֵר איז געקומען צו הלל הזקן אז ער זאל איהם מגייר זיין, האט איהם הלל אויסגעלערנט "מַה דְּעַלָךְ סָנֵי לְחַבְרָךְ לֹא תַעֲבִיד" אז וואס דו ווילסט נישט מ'זאל טוהן צו דיר זאלסטו אויך נישט טוהן פאר א צווייטן, און דאס איז די עיקר פון די תורה. און אזוי זאגן אונז טאקע חז"ל "ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה" אז ליב האבן א חבר דאס איז די עיקר פון די תורה. און מיט דעם איז מסביר דער אלטער רבי זי"ע, אז דערפאר שטייט צום סוף פון די גאנצע עשרת הדברות וְכֹל אֲשֶׁר לְרֵעֶךָ, ווייל דער אייבישטער זאגט אונז דערמיט "וְכֹל" אז די גאנצע עשרת הדברות וואס שטייט דא געשריבן, דאס איז אלעס געוואנדן אין דעם אויב וועסטו האבן אין זיך די מידה פון ליב האבן יעדער איד און יעדער איד זאל זיי ביי דיר "אֲשֶׁר לְרֵעֶךָ" ווי דיין גוטער פריינט.

# פירותיך מתוקים

דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא

### וְהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים

**הרה"ק רבי דוד לעלוב'ער זי"ע** האט געטייטשט דער פסוק "והייתם לי סגולה", אז כלל ישראל איז צוגעגליכן צו די נקודה 'סֶגוֹל' וואס באשטייט פון דריי פינטלעך, וואס וויאזוי מ'זאל נאר דרייען א סגול (ווי א רעדל וואס מ'דרייט ארום און ארום) וועט עס שטענדיג בלייבן א סגול, צוויי פינטלעך וועלן בלייבן אויבן און איינס אונטן. אזוי אויך כלל ישראל, נישט קיין חילוק וואס עס פאסירט צו זיי און וואס זיי גייען אלס אדורך, האלטן זיי זיך געטריי און שטארק אין זייער אמונה.

(שם משמואל תרע"ח)

### הִשָּׁמְרוּ לָכֶם עֲלוֹת בָּהָר וּנְגֹעַ בְּקָצֵהוּ

**הרה"ק רבי מנחם מענדל פון קאצק זי"ע** (יארצייט כ"ב שבט) האט געזאגט, מיר ווייסן אז א מענטש דארף טאקע שטייגן און ארויפגיין אין מדריגות, דאָך אבער טאר מען נישט שפרינגען צו הויעך און לויפן גלייך צום שפיץ אויב מען האלט נאכנישט דערביי, נאר מען דארף ארויפגיין צוביסלעך, שטאַפּל נאך שטאַפּל, לויט דעם מענטש'נס אמת'ע מדריגות און השגות, און אזוי אנקומען אויבן. דאס זאגט דא די תורה "הִשָּׁמְרוּ לָכֶם עֲלוֹת בָּהָר" מ'דארף זיך היטן און נישט ארויפלויפן אויפן שפיץ בארג, "וּנְגֹעַ בְּקָצֵהוּ" אויב מען האלט נאך בלויז ביים עק אין א קליינע מדריגה.

(אמת ואמונה)

## וְהוֹדַעְתִּי אֶת חֻקֵּי הָאֱלֹקִים

אמאל איז געקומען צו גיין א איד וואס האט געוואלט אנפרעגן עפעס א עצה פון **הרה"ק רבי יחזקאל פון קאזמיר זי"ע** (יארצייט י"ז שבט) בנוגע זיין מסחר. ער האט פאָרגעלייגט זיין שאלה פארן צדיק, אבער דער צדיק האט זיך נישט וואוסענדיג געמאכט פון איהם און איהם גארנישט געענטפערט. ווי ערשטוינט איז ער אבער געווארן ווען ער האט געזען קורצליך דערנאך ווי ס'קומט צו גיין א חסיד און ער ווענדט זיך צום רבי'ן אויך מיט א שאלה אין ענינים פון מסחר און געשעפטן, און צו איהם רעדט דער צדיק און הייסט איהם וואס צו טוהן און וואונטשט איהם אָן אז ער זאל מצליח זיין. דער ערשטער איד האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און ער איז צוגעגאנגען צו רבי יחזקאל'ע און געפרעגט "דער רבי זאל מיר ערקלערן, פארוואס ווען איך בין געקומען פרעגן א שאלה אין מסחר האט דער רבי מיר נישט געענטפערט, האב איך געמיינט אז דאס איז צוליב דעם וואס איך קום באמוטשען מיט גשמיות'דיגע ענינים, און דער רבי טוט פאר'מיאוס'ן אלע עולם ה'דיגע ענינים און דערפאר וויל ער נישט רעדן צו מיר דערוועגן. אבער דא זעה איך דאָך ווי פאר יענער חסיד האט דער רבי יא געהעריג געענטפערט, טראץ וואס ער האט אויך געפרעגט אין גשמיות און פרנסה פונקט ווי מיר?!".

ווען רבי יחזקאל'ע האט געזעהן זיין וואונדער האט ער געזאגט פארן איד, איך וועל די מסביר זיין דעם ענין מיט א משל:

אמאל איז געוועז א גרויסער סוחר וואס איז געקומען צו פאָרן אויפן יריד קיין לייפציג איינצוקויפן סחורה, און ער האט טאקע איינגעקויפט גאר אסאך זאכן אויפן יריד. ספעציעל האט ער זיך אויפגעהאלטן ביי איין סוחר ביי וועמען ער האט זיך אויסגעקליבן גאר אסאך סחורה צו נעמען פון איהם. אזוי בשעת דער סוחר דער קונה שטייט נאך אין יענעם געשעפט ביים סוחר פון לייפציג, און ער וועלט זיך אויס נאך און נאך סחורה, קומט פלוצלינג אריין דער משרת פונעם קונה, און ער איז מודיע פאר זיין האַר אז זיי האבן א שטיקל פראבלעם, ווייל די רעדער פונעם וואגן דארף מען ארומשמירן מיט פֶּעך אזויווי ס'איז דער סדר, און נאר אזוי וועלן זיי קענען אהיימפארן פון לייפציג מיט זייערע פילע הויפענעס פון סחורה וואס זיי קויפן זיך דא איין, אבער דערווייל האט ער שוין נישט געטראפן קיין איין געשעפט וואס האט נאך צו פארקויפן פעך אויף אנצושמירן די רעדער, און ער ווייסט נישט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן.

ווען דער פארקויפער פון לייפציג האט געהערט דעם פראבלעם, רופט ער זיך אָן צו זיין קונה דער סוחר און ער בארואיגט איהם "זארגט אייך נישט, גראַדע האב איך ביי מיר אסאך פעך, און איך קען דיר אוועקגעבן א חלק, אזוי וועסטו האבן מיט וואס צו באשמירן די רעדער פון דיין וואגן. און דער סוחר האט טאקע ארויסגעברענגט א פעסל מיט די געזוכטע שמירעכץ צו קענען ארויפלייגן אויף די רעדער פונעם וואגן. פונקט דאן גייט אדורך א צווייטער און סוחר, און ער באמערקט אז מ'קען דא באקומען פֶּעך, רופט ער זיך אָן צום פארקויפער פון לייפציג אז אויך ער זוכט פונקט צו קויפן פעך און ער קען נישט געפונען, דערפאר וויל ער איהם באצאלן און ער וועט אויך נעמען אביסל פון די פעך. זאגט איהם דער פארקויפער, "הער מיך צו, איך בין נישט קיין 'פֶּעך סוחר', ס'איז נישט עפעס וואס איך פארקויף בכלל, נאר וויבאלד דער ערשטער סוחר האט דא איינגעקויפט ביי מיר אין געשעפט אסאך זאכן, לוינט זיך מיר זיך צו טיילן מיט איהם, און איך געב איהם אוועק פון מיין אייגענע פעך וואס איך האב געברענגט פאר מיין וואגן. יענער האט דאך גענומען ביי מיר אזויפיל סחורה, קומט איהם אז איך זאל איהם העלפן און מאכן גרינג אהיימצופאָרן. אבער דו וואס דו קומסט בלויז נעמען פעך, פאר די האב איך נישט וואס צו געבן ווייל איך דארף דאס האבן פאר זיך אליין".

"דאס זעלבע איז מיט דיר" האט רבי יחזקאל'ע אויסגעפירט צו דער איד וואס האט איהם געפרעגט די קשיא, "ממילא יענער חסיד איז א איד א ירא שמים, ער קומט כסדר דא אהער צו לערנען א וועג אין עבודת השי"ת און חסידות, דעריבער אויב ס'מאכט זיך אמאל אז ער דארף א עצה אויך אין גשמיות מצליח צו זיין מיט זיין פרנסה, קומט עס אז איך זאל איהם העלפן, פונקט ווי דער סוחר וואס גיבט אויך אביסל פעך אז יענער זאל קענען אהיימפארן מיט זיין סחורה. אבער דו קומסט דאָך נישט צו לערנען רוחניות, און דו ביסט בלויז דא נאר אויף איינצוהאנדלן די פרנסה און הבלי עולם הזה, דאס האב איך נישט צו טיילן סתם אזוי פאר יעדן איינעם".

### א נקודה...

**מרן דער תפארת שמואל זי"ע זאגט:**

**מתן תורה איז פארגעקומען אויפן בארג סיני צוליב איר ענוה, אבער נישט אויפן ערד אדער אין א טאָל וואס איז נאך נידריגער, ווייל מ'טאר זיך נישט דערנידערן אינגאנצן.**

# אוצר הכרם

## אן אוצר פון ידיעות וענינים, בענינא דיומא ובפרשת השבוע

### שיריים פון די קולות וברקים

די משנה זאגט אין **מסכת אבות** (פרק ו' משנה ב') אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם בַּת קוֹל יוֹצֵאת מֵהַר חוֹרֵב וּמַכְרֶזֶת וְאוֹמֶרֶת אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת מֵעֶלְבּוֹנָהּ שֶׁל תּוֹרָה, יעדן טאג גייט ארויס א בת קול פון הר חורב (וואס איז דער בארג סיני) ווײ איז פאר די מענטשן וואס לאזן איבער די תורה פארשעמטערהייט און זענען נישט עוסק אין תורה.

עס איז אינטערסאנט צו באמערקן וואס דער **תפארת ישראל** ברענגט דארט אין אבות, אז די חכמי הטבע וואס זענען עוסק אין גיאגראפיע זאגן א וואונדערליכע זאך, אז אויך היינטיגע צייטן קען מען הערן פון די לופטן העכער דעם בארג סיני א געוויסע שטארקע ווידער-קול וואס הערט זיך אזויווי דונערן, און עס האלט אָן שטענדיג.

און דער תפארת ישראל לייגט צו, אז לכאורה איז דאס די כוונה דא אין די משנה, עס איז פארהאן דארט א 'בת קול' [וואס אויף לשון הקודש באדייט דאס א 'ווידער-קול'] וואס איז א קליינעם אפקלאנג וואס קומט ארויס פונעם גרויסן קול, און דאס איז א איבערבלייבעניש פון די קולות וברקים וואס זענען געוועזן ביי מתן תורה, און זיי קומען ערוועקן די הערצער פון כלל ישראל צו געדענקן מתן תורה, און זיי האבן טענות צו די אלע וואס לאזן איבער די תורה און פארשעמען איר ח"ו.

### די סנה מיט'ן בארג סיני

רעדנדיג איבער די פלאים וואס געפונען זיך ביים בארג סיני, איז כדאי צו דערמאנען וואס ווערט געברענגט אין **ספה"ק ערבי נחל** (פרשת שמות) אז די גאנצע ענין פון קבלת התורה איז דאָך געוועזן דורך די מידה פון ענוה, סיי דער פאַקט אז השי"ת האט אויסגעקליבן דעם בארג סיני וועלכע איז געוועזן די קלענסטע בארג. און אזוי אויך דער מקבל התורה איז געוועזן משה רבינו וועלכער איז געוועזן דער עניו מאוד מכל האדם. און א דריטע זאך, די קלענסטע בוים וועלכע פארנעמט נישט קיין חשיבות איז דער סְנֶה - דער דאָרן בוים [ווי עס שטייט אין פסוק (מלכים ב, י"ד ט') הַחוֹחַ אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן שָׁלַח אֶל הָאֶרֶז אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן לֵאמֹר, וואס איז א משל ווי די קלענסטע בוים דער חוֹחַ (וואס באדייט א דאָרן בוים) רעדט צום גרעסטן בוים דער אֶרֶז וועלכע איז א טעננבוים], און אָט דער סארט דאָרן בוים וואקסט טאקע אין מדבר סיני נעבן דער הר סיני, וואס באדייט אויך אויף ענוה און שפלות און זיך נישט גרויסהאלטן. און דערפאר ווערט טאקע דאס פלאץ אנגערופן מיט'ן נאמען 'סיני' וויבאלד ס'איז די זעלבע שורש פונעם וואָרט 'סנה' וואס וואַקסט טאקע דארט.

און דער ערבי נחל איז ממשיך: און עס איז באקאנט אז ס'געפונט זיך א צורה פון א סנה אויף יעדע שטיין וואס קומט פונעם בארג סיני. און מ'זאגט עדות דעראויף א דבר פלא אז אויב מ'וועט צוברעכן א שטיין פונעם בארג סיני אויף צוויי, וועט זיך געפונען אויף יעדע חלק א צורה פונעם סנה, און אויף וויפיל חלקים מ'זאל נאר צוברעכן דעם שטיין, אפילו אויף די גאר קליינע פיצלעך שטיקלעך דערפון וועט זיך געפונען א צורה פון א קליינע סנה, וואס ווייזט אודאי אויף די שייכות פונעם סנה צום בארג סיני און אויף די געוואלדיגע ענוה און שפלות וואס איז מרומז דערין.

און דער ערבי נחל לייגט צו א רמז, משה רבינו האט געלעבט 120 יאר, גענוי וויפיל עס באטרעפט די ווארט "הסנה". און דאס זעלבע איז מיט'ן וואָרט "סיני" אויב מ'רעכנט נישט אריין די ערשטע אות י' (וויבאלד מ'הערט דאס נישט ביים ארויסזאגן דעם וואָרט) איז אויך בגימטריא גענוי די זעלבע.




**הרה"ק רבי יהודה לייב איגר זי"ע** - באקאנט מיט זיין נאמען "רבי לייבעלע איגר" איז געבוירן געווארן אין יאר תקע"ו אינעם שטאט פויזנא צו זיין גרויסער פאטער דער גאון **רבי שלמה איגר זצ"ל** א זוהן פונעם גאון און צדיק דער רבן של ישראל **רבי עקיבא איגר זי"ע**.

פון קינדווייז אָן האט זיך דער קליינער לייבעלע אויסגעצייכענט מיט זיין התמדה אין תורה מיט גרויס פלייסיגקייט מער ווי אלע קינדער אין זיין יאָרגאנג, אין צוגאב צו די גרויסע קדושה און צדקות וואס האבן זיך אנגעזעהן אין איהם, און געוויזן סימנים אויף זיין הייליגער צוקונפט.

עס ווערט דערציילט אז אמאל אלס קינד האט מען געפונען באהאלטן אין זיין לעדל א שטיקל הארטע טרוקענע ברויט, און ווען מ'האט איהם געפרעגט פארוואס ער לייגט אוועק די ברויט, האט ער געענטפערט מיט א תמימות אז וויבאלד ביי זיי אין שטאט איז נישט דא שטענדיג צו קויפן פת ישראל, און טיילמאל זענען זיך די מענטשן אין שטאט זיך מֵקיל צו עסן 'פת עכו"ם' (גוי'אישע ברויט) ווען ס'איז נישט דא עפעס אנדערש, און דעריבער האט ער זיך באהאלטן אביסל פת ישראל אז ער זאל דאס קענען עסן ווען ס'וועט נישט זיין קיין אידישע ברויט, נישט ווערלנדיג עסן קיין פת עכו"ם.

אלס בחור אין ווארשא האט **רבי לייבעלע** געלערנט תורה ביי **הגה"ק רבי יצחק מאיר פון גור - דער חידושי הרי"ם זי"ע** (וועלכע האט געוואוינט אין ווארשא איידער זיין הנהגה) וואס האט אנגעפירט מיט א קבוצה פון עילויים און לומדים וואס האבן געלערנט ביי איהם. און דערנאך האט איהם זיין טאטע אוועקגעשיקט קיין פויזנא צום זיידן **רבי עקיבא איגר** אז ער זאל לערנען תורה ביי איהם.

ווען ער איז געקומען אין די יארן איז רבי לייבעלע א חתן געווארן מיט די טאכטער פון דער נגיד רבי עזריאל מאיר גראדשטיין ז"ל וואס איז געווען פון די ראשי הקהילה און פרנסים אינעם שטאט לובלין. רבי עזריאל מאיר איז געווען חשוב'ער איד א נגיד און געשטאַמט פון א מיוחס'דיגע משפחה און האט געהאט א שיינע שטוב פון תורה וגדולה. רבי עזריאל מאיר איז שוין איינמאל געווען א מחותן מיט רבי עקיבא איגר, ווייל זיין זוהן הג"ר אפרים פישל גראדשטיין איז געווען אן איידעם ביי רבי עקיבא איגר אליין. און עס ווערט דערציילט אז טאקע ביי יענעם שידוך ווען רבי עקיבא איגר איז געווען אין לובלין אויף די שבע ברכות פון זיין טאכטער, און ער איז איינגעשטאנען אינעם הויז פון זיין מחותן רבי עזריאל מאיר, האט דעמאלטס די קליינע טאכטער פונעם בעל אכסניא באדינט און געברענגט א גלאָז טיי פאר רבי עקיבא איגר, און רבי עקיבא איגר האט איר געבענטשט אז זי זאל זוכה זיין צו א גוטער חתן. און מיט עטליכע יאר שפעטער איז זי געווען די כלה פון רבי עקיבא איגר'ס אייניקל רבי לייבעלע.

נאך זיין חתונה האט **רבי לייבעלע** ממשיך געווען און געשטיגן אין תורה און עבודת ה' אינעם שטאט לובלין. דארט און לובלין האט ער זיך דערנענטערט צו א חשוב'ע קבוצה פון חסידים ואנשי מעשה וואס האבן געדאווענט אינעם שוהל פונעם **רבי'ן פון לובלין - דער חוזה זי"ע** (געווען איז דאס שוין נאך די הסתלקות פונעם חוזה זי"ע, אבער זיין בית המדרש איז ווייטער אנגעגאנגען און געדינט אלס א צענטער פון תורה וחסידות), **אויך** רבי לייבעלע האט זיך דארט קוֹבֵעַ געווען זיין פלאץ און ער האט געלערנט און געדאווענט אין דעם שוהל.

דארט אין לובלין האט זיך געפונען א געהויבענע חסידים וואס פלעגן פארן קיין טאמאשאוו צו **הרה"ק רבי מנחם מענדל פון קאצק זי"ע**, און זיי האבן מיטגעטראגן מיט זיך רבי לייבעלע קיין טאמאשאוו. רבי לייבעלע איז געווארן שטארק דבוק צום קאצקער רבי און איז אסאך אפגעזעצן ביי זיין רבי'ן שעפּנדיג פון איהם פילע הויפענעס פון קדושה און חסידות.

אויך איז ער געווארן גאר נאנט מיט **הרה"ק רבי מרדכי יוסף פון איזביצא** - דער בעל **מי השילוח זי"ע** וואס איז געווען פון די גרעסטע תלמידים פונעם קאצקער זי"ע. און שפעטער ווען רבי מרדכי יוסף איז געווארן א רבי און אנגעהויבן צו פירן אן עֵדָה און איזביצא, איז רבי לייבעלע מיטגעגאנגען מיט איהם און זיך מדבק געווען אינעם צדיק פון איזביצא.

און טאקע נאך די הסתלקות פון זיין רבי'ן פון איזביצא האט רבי לייבעלע מיט זיין גרויס ענוה זיך ארויסגעלאזט זוכן א נייער רבי, ער האט געקלערט אפשר זאל ער זיך צוריקקערן קיין קאצק (דער קאצקער רבי זי"ע האט נאך דעמאלטס געלעבט). אין לובלין האט דעמאלטס געוואוינט זיין חבר דער הייליגער גאון **רבי צדוק הכהן פון לובלין** וואס אויך ער איז געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם איזביצער, און רבי צדוק אליין בכבודו ובעצמו איז געקומען צו גיין מיט א קוויטל צו רבי לייבעלע, פון דעם האבן די חסידים פארשטאנען אז דער ממשיך דרך פונעם איזביצער רבי וועט זייך רבי לייבעלע.

און אזוי האט טאקע הרה"ק רבי לייבעלע זי"ע געפירט זיין הייליגער הויף אין לובלין וואו זיין נאמען איז געווארן שטארק באקאנט מיט זיין גרויס קדושה און צדקות. יעדע מצוה פלעגט ער טוהן מיט געוואלדיגע כחות און דביקות און נאך לאנגע שעות הכנה צו יעדע מצוה. ווי אויך איז ער געווען באקאנט מיט זיין אהבת ישראל ווי ער האט ליב געהאט יעדן איד און זיך איבערגעגעבן פאר זיי מיט מסירות נפש. רבי לייבעלע פלעגט נישט נעמען קיין 'פדיונות' פון זיינע חסידים, נאר אדרבה, שטענדיג האט ער אוועקגעטיילט דאס ביסל וואס ער האט געהאט פאר זיך...

געווען איז א חסיד מיט'ן נאמען ר' אשר זינגער וועלכער האט געוואוינט אין לובלין, אמאל איז זיין זוהן שטארק קראנק געווארן ל"ע מיט די מחלה פון טיפוס, און זיין מצב איז געווען גאר שמאָל רח"ל. די ארטיגע דאקטוירים צו וועמען מ'האט זיך געווענדן, האבן אלע געהויבן הענט מיט יאוש זאגענדיג אז ס'איז שוין נישט דא וואס צו טוהן און זיי קענען איהם נישט העלפן. דער חסיד ר' אשר איז אריבערגעלאפן צו זיין רבי'ן רבי לייבעלע זי"ע און מיט גרויס געוויין געבעטן פונעם צדיק אז ער זאל רחמנות האבן אויף זיין יונגן זוהן און איהם צוזאגן א ישועה.

ווען רבי לייבעלע האט געהערט וואס די דאקטוירים האבן געזאגט, האט ער זיך אנגערופן "וואס?, וויאזוי קענען די גויים די רשעים מְיַיאש זיין א אידיש נפש?, ער האט דאָך סַך הכל בלויז טיפוס, א זאך וואס קען זיך פארציען אמאל צוויי וואכן און אמאל דריי, אבער ער איז נישט אין קיין סכנה". און כך הוה, דער צדיק'ס ווערטער זענען מקויים געווארן און נאך א קורצע צייט איז דאס קינד געזונט געווארן קעגן אלע ערווארטונגען פון די ערשטוינטע דאקטוירים.

א מעשה פלא ווערט דערציילט וועלכע איז זיך פאַרלאָפן אינעם שטאט קראשניק וואס געפונט זיך נעבן לובלין, געווען איז דארט א אידישע פרוי וואס ס'איז ליידער אריינגעגאנגען אין איר א רוח שטות און זי האט באַשלאָסן אז זי וויל זיך שְׁמַדְ'ן רח"ל, און זי איז אנטלאפן פון איר שטוב און זיך געווענדן צום קלויסטער אינעם שכינות'דיגן שטאט לובלין, וואו די גלחים האבן איר אריינגענומען מיט אפענע הענט און איר געהאלטן דארט ביז צום באשטימטן טאג ווען מ'וועט איר שמד'ן ח"ו. דער צובראכענער מאן איז געקומען קיין לובלין און איז איינגעשטאנען נאנט צום פלאץ וואו זיין פרוי האט זיך אויפגעהאלטן, און האט געזוכט אלע סארטן וועגן וויאזוי ער קען צוקומען צו איר און איר איבעררעדן אז זי זאל נישט באגיין די שרעקליכע שריט וואס זי פלאַנט צו טוהן. איינס פון זיינע קרובים איז אויך געקומען צו הילף, און ווען דער מאן האט געדארפט אוועקגיין פון זיי ארט נעבן דעם קלויסטער, פלעגט דער קרוב איהם 'איבערנעמען' און ווייטער שטיין דארט אויפן וואַך, אפשר דאָך וועט זי זיך באווייזן ביים טיר, אדער מ'וועט טרעפן סיי וועלכע אנדערע וועג אריין צו איר.

זייענדיג און לובלין איז דער מאן אריבערגעגאנגען צו **הרה"ק רבי לייבעלע זי"ע** און געוויילט ביי איהם אויף שבת, ווען דורכאויס דעם שבת האט ער זיך כסדר אויסגעוויינט פארן צדיק און מזכיר געווען זיין ווייב אז זי זאל ארויסקריכן פון די רוח טומאה און זיך צוריקקערן צו אידישקייט און צו איר שטוב. אין די זעלבע צייט איז דער קרוב זיינער פארבליבן נאנט צום קלויסטער און געוואַרט און געהאָפט אויף א גוטע אנטוויקלונג. ענדליך קורץ נאך הבדלה פונעם צדיק איז פלוצלינג דער קרוב געקומען צו לויפן אין בית המדרש אריין, און מיט איין אטעם דערציילט ער די פרייליכע נייעס פארן מאן פון די פרוי, אז ממש יעצט אין די פארגאנגענע מינוטן האט די פרוי געעפנט א פענסטער פונעם צימער אינעם קלויסטער וואו זי איז געווען איינגעשפאַרט, און זי האט זיך גענומען שרייען מיט קולות אז מ'זאל איר ראטעווען און ארויסנעמען פון דארט. דער קרוב האט זיך נישט פארזוימט נאר תיכף גערופן נאך מענטשן צו הילף, און אינאיינעם האבן זיי ארויסגעשלעפט די פרוי פון דארטן און איר גענומען צו פארזיכערטן ארט, און דערנאך איז ער תיכף געקומען צום מאן אין ביהמ"ד איהם מבַשר צו זיין די גוטע בשורה.

ווען דער מאן איז צוגעגאנגען צום רבי'ן איהם צו דערציילן די גוטע נייעס, האט זיך רבי לייבעלע זי"ע תיכף אנגערופן "איך האב געוואוסט אז ס'וועט אזוי זיין, וויבאלד בשעת'ן מאכן הבדלה ביי די ווערטער "בֵּין ישראל לעמים" האב איך איר אינזין געהאט אז דער אייבישטער זאל מבדיל זיין בין ישראל לעמים און איר אפטיילן און ארויסנעמען פון דארט". (מלאכי עליון)

# תולדותיהם של צדיקים

דאס לעבן און שאפן פון

## רבותינו הקדושים פון פרשיסחא און ווארקא

זכותם יגן עלינו

מאמר נ"ה

### מיר קענען הערן פון א נאנטע עדות

וויבאלד עס האט אויסגעבראכן א שטארקע וויכוח צווישן די אנוועזנדע, ווי אויך צווישן די צדיקים זעלבסט וועלכע האבן זיך געפונען ביי די חתונה, אנדערע האבן מיטגעהאלטן מיט די מתנגדים קעגן פרשיסחא און גע'טענה'ט אז מ'מוז זיך דערווייטערן פון זיי חס ושלום, און אנדערע האבן יא נוטה געווען אנצונעמען די רייד פון **רבי אליעזר בער פון גראבאוויץ** און די אנדערע תלמידים פונעם **רבי רבי בונם זי"ע** וואס האבן זיך דארט געפונען, און מ'האט זיך נישט געקענט פארגלייכן אויף א מסקנא.

דאן האט זיך **דער אפטער רב זי"ע** געווענדן צו הרה"ק **רבי ירחמיאל פון פרשיסחא זי"ע** - א זוהן פונעם **יוד הקדוש פון פרשיסחא זי"ע** וועלכע האט אויך געוואוינט אין פרשיסחא און געפירט א אייגענעם הויף פאר זיך, און דער אפטער רב האט געזאגט אז וויבאלד מיר האבן דאָך דא א נאנטער עדות וואס קען זיכער דעם ר"ר בונם היות זיי וואוינען אינעם זעלבן שטאט, און רבי ירחמיאל געדענקט דאָך אודאי גוט פון די יארן ווען דער ר"ר בונם פלעגט זיין א נאנטע תלמיד און מקורב ביי זיין גרויסן טאטן דער יוד הקדוש זי"ע, אשר על כן זאל ער אויפטרעטן און עדות זאגן וואס איז דער אמת בנוגע דער ר"ר בונם און זיינע חסידים.

אין אנהייב האבן די פרשיסחא חסידים אביסל מורא געהאט פון דעם וואס הרה"ק רבי ירחמיאל זי"ע וועט זיין דער מַכְרִיעַ און פּוֹסֵק איבער די פרשיסחא הויף, וויבאלד די חסידים פונעם ר"ר בונם האבן זיך נישט אייביג אזוי גוט פאַרטראָגן מיט די חסידים פון רבי ירחמיאל זי"ע (ווי דערציילט אין פריערדיגע מאמרים איז נאך די הסתלקות פונעם יוד הקדוש זי"ע זענען רוב חסידים אריבערגעגאנגען אונטער די הנהגה פונעם רבי רבי בונם זי"ע וועלכער איז אויסגעוועלט געווארן אלס דער גרעסטער תלמיד וואס איז ראוי ווייטער ממשיך זיין מיט די הנהגה, און א קלענערע קבוצה חסידים זענען געפארן צום זוהן פונעם יוד הקדוש - רבי ירחמיאל זי"ע, און די צוויי חצרות וויבאלד זיי זענען געווען אינעם זעלבן שטעטל האט דאס צומאל געברענגט רייבערייען) און דעריבער האבן זיי נישט געוואוסט וואס צו ערווארטן ווען דער צדיק רבי ירחמיאל וועט מוזן זאגן זיין מיינונג בנוגע דעם רבי רבי בונם זי"ע און זיין הנהגה.

### די עדות פון הרה"ק רבי ירחמיאל זי"ע

אבער צו זייער שטוינונג, האט זיך **רבי ירחמיאל זי"ע** אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און אויסגערופן הויעך אויפן קול, **"איך קען מְעִיד זיין אז רבי בונם איז געווען דאס שפיצל הארץ** (זיין פינטעלע פונעם הארץ) **פון מיין טאטן דער יוד הקדוש זי"ע, און ער איז געווען חשוב ביי איהם ווי דאס שווארץ אַפּל פונעם אויג. און כ'האב אמאל געהערט ווי מיין טאטע זאגט: מיין אוצר פון יראת שמים האב איך איבערגעגבן און באהאלטן אין די הענט פון מיין פריינט רבי בונם"...**

רבי ירחמיאל האט זיך נישט באגנוגט מיט דעם, נאר ער האט צוגעגעבן און דערציילט נאך, אז ער געדענקט גוט פון די תקופה ווען דער ר"ר בונם איז נאך געווען א סוחר און ער האט זיך אמאל צוריקגעקערט פון זיין מסחר אין דאנציג, און ער איז אריינגעקומען צום טאטן דער **יוד הקדוש זי"ע** און איז געזעצן מיט איהם אין צימער עטליכע שעה און דערציילט פארשידענע מעשיות און זאכן וואס ער האט מיטגעהאלטן און געהערט זייענדיג אין דאנציג. און מיר האט דאס דעמאלטס פאַרדראָסן -האט רבי ירחמיאל זי"ע צוגעגעבן- דאס אז ער איז מבטל דעם טאטן אזויפיל טייערע צייט און רעדט סתם פשוט'ע זאכן און מילי דעלמא. אבער ווען דער ר"ר בונם האט געענדיגט דערציילן זיינע רייד, האט מיין טאטע דער יוד הקדוש זי"ע מיר פארבעטן אז איך זאל באגלייטן דעם ר"ר בונם אהיים, און דערנאך ווען איך בין צוריקגעקומען, האט מיר מיין טאטע געזאגט "דו ווייסט וואס רבי בונם האט גערעדט מיט מיר ווען ער איז געווען דא?, ער האט גערעדט מיט מיר ענינים וואס זענען אזוי טיף פון אונטערן תְּהוֹם (אָפּגרונד) ביז'ן כסא הכבוד". א זאך וואס האט מיר געגעבן צו פארשטיין אז זיי האבן גערעדט צווישן זיך זאכן וואס זענען הייליגע און טיפע סודות וואס איז העכער פון אונזער השגה.

### נישט אנגענומען די טענות

נאכן הערן אזעלכע קלארע און אפענע דיבורים פון הרה"ק **רבי ירחמיאל זי"ע** איז שוין נישט פארבליבן קיין סאך וואס דַן צו זיין, און פארשטייט זיך אליין אז זיינע רייד האבן געלאזט א געוואלדיגע רושם לטובה אויפן **אפטער רב זי"ע** און אויף רוב פונעם ציבור. טראצדעם אז אייניגע האבן נאך אלס געוואלט טענה'ן אז מ'דארף זיך גאר שטארק היטן, ווייל ס'האט שוין פאסירט אזעלעכס ביי כלל ישאל, ווי צום ביישפיל ווען ס'איז געווען די כת ש"ץ (די נאכפאלעגר פונעם משיח שקר שבתי צבי ימ"ש) האבן אין אנהייב טייל ערליכע אידן מיטגעהאלטן מיט זייער דרך און מיטגעשטאנען מיט זיי וויבאלד זיי האבן אויסגעזעהן צו זיין ערליך און געשיינט צו האבן גוטע כוונות, אבער צום סוף איז ארויפגעשווימען צום אויבערפלאך זייער שעדליכקייט און די גרויסע חורבן וואס זיי האבן אנגעזייט. דאס זעלבע -חס ושלום- דארף מען זיך אויך גאר שטארק היטן און אכטונג געבן אז דער דרך פון פרשיסחא זאל זיך נישט צושפרייטן וויבאלד מ'קען נישט וויסן וואס עס וועלן זיין די תוצאות און ווי אהין ס'וועט אונז ברענגען... אבער דער אפטער רב זי"ע האט שוין פון גארנישט געוואלט הערן, עס איז קלאר איבערצייגט געווארן די גרויסקייט און הייליגקייט פונעם ר"ר בונם זי"ע, און ער האט שטיל געמאכט די אלע וואס האבן זיך געפרואווט קעגן צו שטעלן.

### די פגיעה אינעם כבוד פונעם צדיק

צום שלוס האט נאך **רבי אליעזר בער** צוגעגעבן עטליכע טענות וועלכע ער האט פאָרגעלייגט פארן **אפטער רב זי"ע**, אז באמת איז די מצב גאר פאַרקערט פון וואס די מתנגדים דערציילן אויף די פרשיסחא חסידים, אדרבה, אנדערע חסידים זענען שטענדיג מצער די פרשיסחא חסידים וועלכע זענען נרדפים כמעט אומעטום צוליב זייער דביקות אין זייער רבי'ן. און ער האט דערציילט אז אין א געוויסע שטאט וואו עס וואוינען א גרויסע קבוצה חסידים פונעם אפטער רב זעלבסט, דארט טוען זיי געפערליך רודפ'ן צווי פרשיסחא חסידים אין זייער שטאט, און זענען שטארק מבזה דעם **ר"ר בונם זי"ע**.

ווען דער אפטער רב האט געהערט די רייד האט ער זיך אנגערופן צו רבי אליעזר בער "וואס איז די די קושיא אויף אונז? מיר ווייסן גארנישט פון די אלע זאכן" ווענדיג זיך פארענטפערן אז ער האט נישט געוואוסט וואס זיינע חסידים טוען. אויף וועלכע רבי אליעזר בער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און ער האט זיך געגעבן א רוף אָן הויעך אויפן קול "רבי, פָּרְתּוֹ?" מיינענדיג דערמיט דער מאמר חז"ל וואס דער אפטער רב זעלבסט האט פריער דערמאנט אז די קוה פונעם שכנה פון רבי אלעזר בן עזריה האט געטראגן א בענדל צווישן די הערנער אום שבת און וויבאלד ער האט נישט מוחה געווען, דערפאר ווערט די עוולה אנגערופן אויף זיין נאמען... (זעה אינעם פריערדיגן מאמר)

זיינע ווערטער האבן אבער אפגעקלינגן ווי א שטארקע פגיעה אינעם אפטער רב'ס כבוד, און די אנוועזנדע חסידים האבן זיך אנגעהויבן צו שטיפן צום טיש און זיי האבן געוואלט איבערפאלן ר' אליעזר בער און איהם שלאגן אויף זיין חוצפה. מיט די נשמה אין די הענט איז ר' אליעזר בער אראפגעשפרינגען פונעם טיש און ארויס פון א פענסטער, און ער האט תיכף פארלאזט דעם שטאט פון מורא אז מ'וועט זיך נוקם זיין אין איהם.

די מעשה האט זיך ליידער נישט גוט געענדיגט, ווען דער חסיד רבי אליעזר בער איז א קורצע תקופה דערנאך נפטר געווארן אין א יונגן עלטער, און יעדער האט דאס תולה געווען אין דעם וויבאלד ער האט פּוֹגֵעַ געווען אינעם כבוד פונעם זקן צדיקי הדור דער אפטער רב זי"ע. אויך דער **חידושי הרי"ם זי"ע** פלעגט קרעכצן ווען ער האט שפעטער דערציילט די זכרונות פון יענעם מעמד, און געזאגט אז רבי אליעזר בער איז געווען א גרויסער חסיד און ער האט געזאגט ריכטיגע דיבורים, אבער דאס פוגע זיין אינעם כבוד פונעם צדיק, מיט דעם האט ער זיך גורם געווען אן עונש מן השמים, און ער פלעגט זאגן "ווער ווייסט וואס עס איז זיין פלאץ אויף יענער וועלט נאכדעם וואס דורך איהם איז ארויסגעקומען א מַשהו פְּגִיעָה אינעם כבוד פונעם הייליגער אפטער רב זי"ע.